NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03565

DER BRILANTENER PRINTS

Jacob Reisfeder

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

171

פאַרלאַג „יונגע הערצעלעך.“

דער
בריליאַנטענער פּרינץ

פֿון יעקב רייזפעדער.

נומר 2

1920 וואַרשע

זעצעריי ש. רעדליך וואַרשא נאָוואָליפּיע 69

ערגעץ אין אַ לאַנד האָט אַמאָל געלעבּט אַ
קיסר. איז ער געווען אַ ריז, וואָס האָט
געקאָנט מוירן בּרעכן. האָט ער אַ האַלבּע וועלט
איינגענומען, און די געפאַנגענע קיסרים זענען
נאָכגעלאָפן נאָך זיין גאָלדענעם רייט־וואָגן און
געקניט פאַר אים.

און אַ מלכּה האָט דער קיסר געהאַט —
שען, ווי אַ מלאָך. אירע אויגן זענען געווען
בּלויער ווי דער הימל און ליכטיגער פון דער
זון, און אירע גאָלדענע לאָקן — שענער פון די

בריליאַנטענע קרוין אויף איר קאָפּ.

און דאָך האָט זיך דער קיסר געפילט אומגליקליך און מקנא געווען דעם אָרימסטן בעטלער, וואָס אַבי גאָט האָט אים נאָר גע־בענשט מיט קינדער.

— וואָס האָט ער דערפון, וואָס ער איז אַזוי גרויס? — פלעגט ער טראַכטן אַרומבלאָנדזשענדיג איינער אַליין אין׳ם גאָרטן, וואו ס׳איז אַ זילבערן טײַכעלע געפלאָסן, וואו ס׳זענען גאָלדענע פרוכטן געוואַקסן און צווישן די צווײַגן האָבן שפּיל־פייגעלעך זיס געצווי־טשערט און געשפּילט — אַז ער איז פאָרט אַזוי אָרים און עלנד... אַלע פרײַדן, אַלע קיסרליכע פאַרגניגנס זענען אים שוין מאוס און אויך זי, די שענע מלכה, קאָן אים מער זיין האַרץ נישט דערפרייען... גאַנצע מדינות וואָלט ער אָפּגעגעבן, דעם גרעסטן

טייל פון זײַן לעבן, אַבי די קיסרן זאָל אײַן מיט אַ קינד באַגליקן...

און אינם קרישטאָלענעם פּאַלאַץ, אינם שענסטן גאָלדענעם זאַל פּלעגט די שענע מלכּה טאָג־אײַן טאָג־אויס די ליכטיגע אויגן זיך אויסוויינען, בע־טענדיג צו גאָט אויף אַ קינד, כּדי זי זאָל קאָנען דערפרייען דעם קיסר'ס האַרץ. אַלע הייליגע פון אַלע ווייערע גרויסע ווײַטע מדינות האָבן שוין וועגן דעם אָן אַ שיעור געבעטן צו גאָט. כּשוף־מאַכערנס האָבן שוין אַלערליי עצות געגעבן הונדערטער מאָל שוין געבענשט דעם קיסר מיט די קיסרן. נאָר די שענע קיסרן איז מיט קיין קינד נישט געהאָלפן געוואָרן, און דער יונגער קיסר איז אַרומגעגאַנגען אַ פאַרטראַכטער, אַ טרויעריגער. עס איז אים נישט אײַנגעגאַנגען קיין שום זאַך.

איז אײנמאָל געקומען צום קיסרליכן פּאַ־לאַץ זער אַן אַלטע כּשוף־מאַכערן פון ערגעץ

אַ ווײַט, ווײַט לאַנד. זי האָט דאָרט אין איר הײם, אין איר אַלט אײנגעפאַלן הײַזל, וואָס איז געשטאַנען אויפן שפּיץ פון אַ פאַרכשופטן באַרג, געהערט פון די טרויריגקײט פון גרויסן קיסר און פון די מלכּה׳ס געוויין. האָט אַ צאַפּל געטון איר מכשפה-האַרץ. האָט זי אָנגעהאָנגען זיבן שלעסער אויף דער טיר פון איר הײזל, און האָט זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן, אָנגעשפּאַרט אויף שוואַרצע קוליעס און צוויי גראָבע משונהדיגע שטעקנס אין די הענט, כּדי דעם פאַרטרויערטן קיסר און קיסרן צו-העלפן.

און אַז דער קיסר האָט זיך דערוואוסט וועגן וואָס די כּשוף-מאַכערן איז געקומען, איז ער איר אַ קײגן געלאָפן מיט דער מלכּה און זײ האָבן בײדע געקושט די דאַרע שמוציגע פינגער פון דער מכשפה׳ס הענט און געבעטן זי מיט טרערן:

—העלף אונז, אַלטע כשוף־מאַכערן! העלף אונז!..

אין די עטליכע הונדערט־יעריגע איינגעשרימפּענע העסליכע כשוף־מאַכערן טיף גערירט געוואָרן דערפון, און אַז זי האָט געזען, ווי דער גרויסער קיסר און די שענסטע קיסרן אין דער וועלט קניען אַנידער פאַר איר, האָט זי מיט די שמוציגע הענט זיך פאַרשטעלט די אַלטע טריבע אויגן און מאָדנע קווייטשענדיג זיך צעוויינט.

נאָר באַלד האָט זי די מכשפה׳דיגע אויגן גיך אויסגעווישט, האָט זיך אַוועקגעשטעלט פעסט אויף די שוואַרצע קוליעס, האָט א קוק געטון איבערן טייערן נאָלדענעם זאַל, אין די ווינקלען און אויף די קרישטאָלענע שויבן, האָט עפּעס אַ פּרעפּל געטון מיט די בלויע ליפּן, אַ פּאָכע געטון אין דער לופט מיט איינעם פון אירע משונהדיגע

שטעקנס, איז באַלד די גאָלדענע שיין פון טאָג פאַרשוואונדן, און דער זאַל איז באַלויכטן געוואָרן מיט אַ רויטע ליכטיגקייט.

און די כּשוף־מאַכערן אין אירע שמאַטעס פון אַלערליי פאַרבן, האָט אויפגעהויבן אירע לאַנגע הענט איבער די קרוינען פון דעם קיסר מיט די קיסרן און געוואונשן דאָס וואָס איר מח האָט נאָר געקאָנט צוטראַכטן:

— אַ ליכטיגן, בריליאַנטענעם זון זאָלט איר האָבן! די שיינקייט פון אַלע וועלטן זאָל אַרויסלייכטן פון זיינע אויגן, פון אַלע זין אין לאַנד זאָל ער די שטאַרקסטע אָרעמס האָבן, זיין שטימע זאָל זיין, ווי אַ שפּיל־פויגל, מיט זיינע געטליכע לידער זאָל ער באַצויבערן אַלע צוהערער און מיט אַלע חכמות פון דער גאַנצער וועלט זאָל זיין פול זיין מח!..

און אַ גרויסער כּשוף, קינדערלעך, איז געלעגן אין די ווערטער פון די אַלטע כּשופ־מאַכערן, און אַרויסגעזאָגט האָט זי זיי אין זייער אַ געבענשטע מינוט, אַז צום סוף יאָר האָט די קיסרן טאַקי אַ זון געבוירן.

— גאָט! וואָס פאַר אַ קינד!.. סאַמע בריַלאַנטן!.. — האָט זיך שרעקליך פאַרוואונדערט די עלטסטע הייבאַם, ווען זי האָט דערזען אויף דער וועלט קומען דאָס קרוינפּרינצל. זי האָט צונויפגעמרוזשעט די אויגן צוליב די בלענדענדיגע שטראַלן, וואָס האָבן געשלאָגן פון דעם קינד און דער זאַל איז באַגאָסן געוואָרן מיט ימען ליכט.

— וואָס פאַר אַ וואונדער! — האָט אויסגערופן די צווייטע הייבאַם און איז אַזש צוריקגעטרעטן הינטער זיך אויס חידוש — זעט נאָר!... דאָס גאנצע קערפּערל דורכאויס בריַלאַנטן!..

— וואָס איז עס פאַרט פאַר אַ קינד!,
וואָס פאַר אַ געמעל!.. — האָבן פאַרוואונדער־
טע צווישן זיך גערעדט די איבעריגע היי־
באַמס.

האָט די קיסרן, וואָס האָט דאָס אַלץ
געהערט, געהייסן זיך ווייַזן דאָס קינד און—זי
האָט אַ ציטער געטון, איז נאָך בלאַסער גע־
וואָרן און אוים מורא, אז מען זאָל איר וואונ־
דערליך קינד קיין עין הרע נישט געבן, האָט
זי באפוילן די הייבאַמס בסוד צו האַלטן די
זאַך, אַז קיינער אין לאַנד זאָל זיך דערפון
נישט דערוויסן, און פון די צענדליגער באַדינ־
טע זאָל נאָר די יונגסטע זיך מעגן אומגיין
מיטן קינד און זעען עס...

און צו די פרייד פון דעם קיסר מיט די
קיסרן איז קיין שיעור נישט געווען. דאָך זע־
נען זיי ביידע עפעס געווען אונרוהיג... עס
האָט זיי עפעס געשראָקן די אונגעווענליכע

שיינקייט, די בריליאַנטענע שײַן, וואָס האָט גע־
שלאָגן פונם קינד...

דערווײַל איז דאָס קינד אונטערגעוואַקסן, און וואונדערליך שטאַרק האָבן זיך ענטוויקלט זײַנע שטראַלענדיגע, בריליאַנטענע גלידער. אַ קינד—אַ ריז געווען, וואָס האָט פײַנט געהאַט דאָס אַכטונג געבן אויף זיך, און געריסן זיך פונם פּאַלאַץ אין גאָרטן אַרײַן, צו די זעלטנס שיינע בוימער, וואָס האָבן געטראָגן אויף זייערע צווײַגן גאָלדענע פּירות און צום זיל־בערן טײַכעלע, וואָס ער פלעגט זעען פון פענסטער פליסן אין דער טיף פון גאָרטן.

דאָס זיסע געזאַנג, וואָס פלעגט זיך פלוצ־לינג אַרויסרײַסן פון זײַן העלזעלע, שפּילנ־דיג זיך מיט זיינע ערציהערנס, פלעגט פאַר־כּשופן אַלע צוהערער און פאַרשעמען די בעסטע הויף־זינגער, און דעם קיסר׳ס אַלטע,

גרייז = גרויע עצה=געבער פלעגן גאפן און שטוינען אויף די אונגעווײנליכע חכמה פון דעם קינד, און פלעגן נישט איינמאל צוטו= מעלט ווערן פון זיינע אויסטערליש קלוגע קשיות.

אט אזוי, קינדערלעך, זענען מקוים גע= ווארן אלע ווינשן פון די אלטע כשוף=מא= כערן.

נאר איינמאל, ווען דער קרוינפרינץ האט זיך לוסטיג געשפילט אין גארטן מיט זײַנע ערציהערנס, זענען אנגעקומען אויפן זעלבן ארט עטליכע קינדער פון די הויף=לייט. דאס זענען געווען די ערשטע קינדער, וואס דער קרוינפרינץ האט אין זײַן לעבן דערזען. און אז יענע קינדער האבן דערזען דאס ברי= לאנטענע פנימ'ל פון דעם קרוינפרינץ, האבן זיי זיך נייגעריג און פאר'חדוש'ט ארומגע= שטעלט ארום אים, גענומען טייטלען אויף

אים מיט די פינגער מיט איבעראשטע אויגע־
לעך, און אויסגערופן צו זייערע ערציהע־
רינם:

— אוי־ווי, וואס פאר א פנים איז
דאס!.. כא־כא־כא. עס בלענדט, כ'קאן נישט
קוקן!..

איז דאס קרוינפרינצל שטיין געבליבן
פארשעמט, האט די גרויסע בלויע אויגן
אראפגעלאזט צו דער ערד, און אוועקגעצויגן
פון דעם ארט טרויעריג און שווייגנדיג זיינע
ערציהערנס. און אז ער איז צוריקגעקומען
אין פאלאץ, האט ער זיך פארגנב'עט אין איי־
נעם פון די זייטיגע זאלן און איז דארט לאנג
געשטאנען פאר א גרויסן גאלדענעם שפיגל
און פארשעמטערהייד באטראכט זיין ברי־
לאנטן פנימ'ל, וואס האט אים אליין געבלענדט
די אויגן, ווי א זון.

— וואס פאר א פנים האב איך עס

טאַקי?—האָט ער צום ערשטן מאָל אַ טראַכט געטון און שטאַרק, שטאַרק אַראָפּגעפאַלן בײַ זיך — אַלע קינדער האָבן עפּעס אַנדערע פּנימ׳לעך, אַזעלכע װײַסע, צאַרטע און ליבליכע, און זײַן פּנים בלענדט שטענדיג אַזױ...

און אַז די קיסרן האָט גענומען אַרומ־װכן איר הײסגעליבטן װנעלע און אים געפּו־נען אין יענעם זאַל, האָט זי אים געטראָפן שטײן אַ האַלב נאַקעטן פאַרן שפּיגל און באַ־טראַכטן די בריליאַנטענע הויט פון זײַן קער־פּערל, און פון די אויגן זײַנע האָבן זיך ליכ־טיגע טרערן געגאָסן.

—װנעלע טײַערס, קרוינעלע מײַנס, פאַר װאָס װײנסטו? װאָס באַטראַכסטו אַזױ דאָס שענע קערפּערל דײַנס? — האָט די מַלכּה דערשראָקן געפרעגט און גענומען אים טוליען צו איר ברוסט. נאָר דאָס קרוינפּרינצל האָט

זיך דערויף נאָך שטאַרקער צעוויינט.

—גיי ! אויך דו, מאַמעשי, רייצסט זיך מיט מיר... אַט זע אַליין — האָט ער ביטער געוויינט—דאָס פּנים וואָס איך האָב !... פאַרוואָס האָבן יענע אַלע קינדער, וואָס האָבן זיך געשפּילט דאָרטן אין גאָרטן אַזאַ ווײַסע הויט, און איך אַזאַ מאוס׳ע ?..

און דאָס קרוינפּרינצל האָט זיך שרעקליך צעוויינט, אַז דאָס גאַנצע קערפּערל זײַנס האָט זיך געטרייסלט, ווי אין אַ פיבער.

האָט דערהערט דער קיסר אין ווײַטסטען זאַל דאָס געוויין פון זײַן קינד, איז ער געקומען צולויפן דערשראָקן. און ער איז געשטאַנען, דער גרויסער הערשער, וואָס האָט געקאָנט מיט איין באַפעל מיליאָנען טאַטעס פון קינדערלעך גליקליך און אומגליקליך מאַכן, און האָט נישט געוואוסט מיט וואָס ער קאָן

זײַן אײנציג אויסגעווײנט קינד באַרוהיגן. גאַנ־צע אוצרות וואָלט ער אָפּגעגעבן, אַז ער זאָל זײַן קינד גליקליך זעען. נאָר קײן גליק קאָן מען פאַר קײן שום אוצר אין דער וועלט נישט קויפן, און נאָכמער קאָן מען זיך נישט קויפן קײן אַנדערע הויט אויפן לײַב.

און ווי דער קיסר מיט די קיסרן זענען אַזוי געשטאַנען מיט פאַרקלעמטע הערצער, האָט זיך די טיר שטיל געעפנט, און עס איז לײַכט אַרײַנגעשפּרונגען אין זאַל, אויף דינע פיסעלעך, אַ קלײן רויט מענטשעלע, אַ בוק זיך געטון ביז צו דר׳ערד פאַרן קיסר מיט די קיסרן און אַרויסגערעדט מיט אַ שטימע, ווי אַ גלעקעלע:

—איך האָב אײַער צער פאַרנומען און געקומען אײַך העלפן. זאָל מען — האָט ער אײַנגערוימט דעם קיסר אויפן אויער — באָדן דעם קרוינפּרינץ אין אַ באָד פון אָרימע קינ־

דערם טרערן, ווען זײַן בריליאַנטענע הויט פאַרביטן װעט אויף אַ געװײנליכע װײַסע הויט.

און ער טוט זיך אַ בוק פאַר דעם קיסר מיט די קיסרן און פאַרשווינדט אין איין רגע פון זאַל.

—גלײַך זאָל עס געשעען!—האָט אויסגע־רופן דער קיסר, דער שרעקליכער ריז, וואָס האָט אין זײַן לעבן אַלץ װאָס ער האָט גע־װאָלט אויסגעפירט, און ער האָט צעפרידן אַ שמייכל געטון.

אין עטליכע שעה שפּעטער האָט דער קרוינפרינץ דערהערט פון ערגעץ אַ װײַטן צי־מער אַ שרעקליך געװײן פון קינדער. איז ער אַ נייגיריגער אַרײַנגעלאָפן אַהין און צו זײַן פאַרוואונדערונג, דערזעען דאָרט פאַרזאַמעלט אַ גרויסע צאָל קליינע קינדער. עס זענען גע־װען צווישן זיי װײַסע, אויסטערלישע קאַליע־

קעס, קראַנקע מיט אויסגעצויגענע געלע, וואַק־סענע פּנים׳לעך; אַ סך זענען געווען געשוואָ־לען פון הונגער, אַ טייל זענען געקראָכן אויף אַלע פיר. עס זענען דאָרט אויך געווען זויג־קינדער, וואָס מ׳האָט אָוועקגעריסן פון די מוטערס בריסטן. אַ סך פון זיי זענען געווען האַלב־נאַקעט, אַנדערע — אַרומגעוויקלט אין שמאַטעס. און די אַלע קינדער האָבן מורא־דיג געוויינט, און טראָפּנווייז זענען זייערע הייסע טרערן אַריינגערינען אין די אונטערגעשטעל־טע גאָלדענע בעקנס.

—פאַר וואָס וויינען אַזוי די קינדער און צו וואָס גיסן זיך זייערע טרערן אין די בעקנס אַריין?—האָט געפרעגט דער קרוינפּרינץ מיט אַ פאַרציטערט הערצל.

—קינדעלע, דאָס זאַמעלט מען די טרערן זייערע אויף אַ באָד פאַר דיר — האָט אים דער קיסר ערקלערט און געגלעט אים אַ גליק־

ליבער איבער די גאָלדענע לאָקעלעך — דו וועסט זיך אין די דאָזיגע טרערן באָדן, וועסטו גלייך באַקומען אַ ווייסע הויט, וואָס דו ווילסט אַזוי שטאַרק.

—ניין !! ניין !! ניין !!! - האָט דער קרוינ־פרינץ שרעקליך זיך צעשריגן און געטופעט מיט די פיסלעך, און זיין גאַנץ קערפערל האָט געציטערט :

—איך וויל נישט באָדן זיך אין קיין קינ־דערס טרערן !.. איך וויל נישט !.. און ער האָט זיך פאַרקוקט אויף די קינדער און גערעדט : ווי זיי גייען אָפּגעריסן, אַ רחמנות און זיי זענען הונגע־ריג אַודאי, זאָל מען זיי, טאַטעשי, געבן אָנצוטוען און עסן, זיי זאָלן אויפהערן אַזוי צעוויינען, און איך וועל שוין אַזוי בלייבן מיט מיין פנים !..

דער שטרענגער קיסר האָט געמוזט צוּ־ליב טון דעם פאַרלאַנג פון זיין איינציג אויסגע־ווינט קינד. דערפאַר אַז דער גוטהאַרציגער

קרוינפּרינץ האָט צומאָרגנס אין דער פרי גע־
עפנט זײַנע ליכטיגע אויגעלעך אינם גאָלדענעם
בעטעלע, האָט ער אין די שטראַלן פון דער זון
באַמערקט צו זיין גליק און ערשטוינונג, ווי זיין
בריליאַנטענע הויט איז פאַרביטן געוואָרן אויף
אַ ווײַסע, שיינע צערטליכע הויט, אַ סך אַ שע־
נערע נאָך פון די קינדערלעך, וואָס ער האָט
נעכטן געזעען אין גאָרטן...

פֿאַרלאַג „יונגע הערצעלעך.“

די קינדער פֿון קעלער־שטוב

פֿון יעקב רייזפעדער.

נומר 4

וואַרשע 1920

זעצעריי ש. רעדליך ווארשא נאָוואָליפּיע 69

ווינטער באַנאַכט.

ס'איז קאַלט און האַלב פינסטער אינם פייכטן קעלער-שטיבל.

אַרום דעם קאַלטן אויוועלע שטייען דריי קינדער, אַ ברודערל מיט צוויי שוועסטערלעך, צוגעטוליעט איינס צום אַנדערן. די פיסלעך זייערע זענען אַרומגעוויקלט מיט שמאַטעס. זייערע הערצלעך קלאַפן פאַר שרעק.

— ווי לאַנג די מאַמעשי זוימט זיך! — רעדט אַרויס מיט טרערן אין די אויגן דאָס יונגסטע מיידעלע, וואָס איז נאָך קיין זעקס יאָר נישט אַלט

און דער שרעקט זיך פאַר איר אייגן הייזעריג קול׳כל.

— פאַרשלאָסן אונז דאָ און קומט נישט צו-ריק! — צעוויינט זיך שטיל דאָס זיבן יעריגע יונ-געלע.

—שאַט! שאַט! די מאַמעשי ועט באַר אָפּ-לייזן דאָס קיישל עפּעלעך, וועט זי באַלד אַהיים-קומען — טרייסט זיי דאָס אַכט יעריגע עלטסטע שוועסטערל, וואָס קאָן זיך אַליין קוים אָפּהאַלטן פון וויינען פאַר הונגער און קעלט.

—מיך הונגערט! — צעוויינט זיך העכער דאָס יונגעלע.

—אַ גאַנצן טאָג נישט געגעסן! הילכעט אין זיך דאָס יונגסטע שוועסטערל.

— נו, שאַט, שאַט! די מאַמעשי וועט קומען, וועט זי קאָכן וויעטשערע— רעדט זיי איין רִבְקָה׳-

לע דאָס עלטסטע שוועסטערל און שלינגט אין זיך די טרערן.

— ס׳איז אַזוי קאַלט! — ציטערן ווי אין פי־בער דאָס ברודערל מיט דעם יונגסטן שוועסטערל, און הויבן זיך אויף די פאַרפרוירענע, ברוין און בלויע הענטלעך.

— אָט באַלד וועט די מאַמעשי ברענגען האָלץ, וועט מען אָנצינדן דאָס אייוועלע, וועט ווערן אַזוי וואַרים!.. — טוליעט זייביידן צו זיך רבֿקה׳לע.

זיי שווייגן אַלע דריי, צוגעטוליעט איינס צום אַנדערן, און מיט שרעק אין די אויגעלעך הערן זיי זיך צו צום בייזן פייפן פונם ווינט הינ־טערן פענסטער.

— אוי, זעטס נאָר דאָרט — בלומען! — האָט דאָס יונגעלע פלוצלונג אויסגערופן, אָנווייזנדיג מיט

אַ פינגערל אויף די ווייס פאַרפרוירענע שייבלעך—
און דאָרט אויבן זענען בוימער. קוקטס, קוקטס—אַ
וואַלד אפשר ניש׳?..

— אוי, אַ וואַלד טאַקי — איז מסכּים רבקה־
לע.

— אַ וואַלד... אַ וואַלד... — רעדט פאַרטראַכט
מרימל דאָס יונגסטע שוועסטערל—משה׳לע. דו האָסט
שוין געזעען אַ וואַלד?

—ניין.—ענטפערט טרויריג משה׳לע און הערט
נישט אויף צו קוקן אויף דער שויב, וועלכע דער
פראָסט האָט געדיכט געמאָלט מיט ווייסע בלו־
מען.

—און בלומען?—פרעגט זי אים.

—אויך ניש׳.

אָבער ער כאַפּט זיך באַלד צוריק.

—ניין! ניין! בלומען האָב איך שוין יאָ.

געזעען... אין דרויסן אויף דער גאַס... אַ גאַנצן קויש מיט בלומען. אוי, וואָס פאַר אַ שיינע!...
אַ גוי'ע האָט זיי געטראָגן אויפן אַקסל. איך האָב געבעטן זיך אַ קליין בלימעלע, נאָר זי האָט מיר ניש' געוואָלט געבן.

— איך האָב נאָך קיינמאָל ניש' געזעען קיין בלומען — לאָזט טרויעריג אַראָפּ די אייגעלעך מרימ'ל. — וואו וואַקסן בלומען?

— אין אַ גאָרטן און אויף די פעלדער — ענטפערט רבקה'לע, דאָס עלטסטע שוועסטערל — ס'זענען דאָ פאַרשידענע בלומען, ווייסע און רויטע, בלויע און געלע.

— כאַ, כאַ, כאַ! אַלע פאַרבן! — לאַכט מרימ'ל מיט צושטראַלטע אויגעלעך — און ווי אַזוי וואַקסן זיי, די בלימעלעך?

— די מאַמעשי האָט מיר געזאָגט, אַז מען

פאַרפלאַנצט זיי אין דר׳ערד און דערנאָך וואַקסן זיי אין דער זון און אין רעגן. בלומען האָבן, אַזוי ווי קינדערלעך, נאָר ליב זון. מער ווייס איך נישט. די קינדער, וואָס קענען לייענען אין די ביכלעך, ווייסן אַ סך וועגן דעם. אָבער איך קען נישט לייענען און האָב נישט קיין בי־כעלע.

— איך האָב נאָך גאָרניש׳ געזעען: ניש׳ קיין וואַלד, ניש׳ קיין גאָרטן — רעדט פאַרטראַכט מרימ׳ל.

— דאָ אויפן הויף און אויף דער גאַס זעט מען גאָרניש׳ — גיט צו טרויעריג משה׳לע.

— די מאַמע גייט מיט אונז אין ערגעץ ניש׳ — באַקלאָגט זיך מרימ׳ל.

— ווען האָט זי דען צייט? נאַרעלע... ווען זי קומט אַהיים הוסט זי שטענדיג אַזוי — גיט זיי

צו פֿאַרשטיין דאָס עלטסטע שוועסטערל רבקה׳־
לע.

— אַז עס וועט ווערן זומער, וועלן מיר זיך אַליין אַ גערטעלע מאַכן דאָ הינטערן פֿענסטער — רעדט משהלע פֿאַרחלומ׳ט.

— איך וועל עס פֿאַרזייען — זאָגט רבקה׳לע — איר וועט זען... איך וויס מיט וואָס מען פֿאַר־
זייט...

— יאָ, יאָ! — שפּרינגט אַזש אונטער פֿון פֿרייד מרימ׳ל — וואָס וועט אַלץ וואַקסן אין דעם גערטעלע?

— גראָז, אַזאַ שיין גראָז — ענטפֿערט משה׳־
לע — עס וועט אַזוי אַריינשמעקן אין שטיבעלע, און אַרבעסלעך, און באָבעלעך...

— ניין, ניין! — שלאָגט אים איבער מרימ׳ל — בלומען, בעסער בלומען...

— יאָ, בלומען טאַקי, ווייסע און רויטע, אַלער־
ליי פאַרבן.

אַזוי שמועסן און פאַנטאַזירן די אָרימע קינ־
דערלעך מיט אָנגעצונדענע, באַגייסטערטע אייגע־
לעך, פאַרגעסן אָן קעלט און אָן הונגער, אַז קוים
וואָס זיי דערהערן, ווי פּלוצלינג עפנט זיך שטיל
די טיר, און ס'קומט אַריין, שמייכלענדיג, אַ הער־
ליך שענע פרוי, די גאָלדענע צעלאָזטע האָר
דורכגעפלאָכטן מיט לעבעדיגע ווייסע רויזן, אין
אַ קלייד פון לויטער בלומען פון פאַרשידענע
פאַרבן, אייגע שענער פון דער צווייטער, און אין
דער האַנט—אַ טייער געפלאָכטן קוישעלע פול מיט
די שענסטע פיאָלעטקעס, נאַרציזן, ליליען און
פאַרגעס־מיך־נישט.

די קינדער שפּרינגען אַזש אויף פון אָרט
מיט פאַרוואונדערט־דערשראָקענע אויגעלעך, גרייט

צַרוויסצולאָזן אַ געשריי פֿאַר שרעק און פֿאַרוואונדערונג.

נאָר די שיינע בלומען־פֿרוי, וואָס האָט גלייך פֿאַרפֿילט דאָס קעלער־שטיבל מיט זיסע ריחות, דערגענטערט זיך צו זיי מיט ווייכע טריט און מיט אַ ווייסע, ליכטיגע האַנט גלעט זי וואַרם און צערטליך זייערע פֿאַרפֿרוירענע פּנימ'לעך:

—שרעקט אייך נישט, קינדערלעך, איך בין געקומען אייער שטיבעלע אויסצירן מיט בלומען. איר האָט דאָך אַזוי ליב בלומען!... איך האָב געהערט ווי אייערע הערצעלעך האָבן געצאַפּלט, ווען איר האָט גערעדט וועגן גרינע גרעזעלעך און וועגן בלומען, וואָס איר האָט דאָ אין שטיבעלע און אינם געסל נאָך קיינמאָל נישט געזעען. איצט קינדערלעך, וועט אייך קיין בלומען נישט פֿעלן. אָט זעט, וואָס פֿאַר שיינע בלומען איך האָב

אײַך געבראַכט אין דעם קוישעלע.

און זי שטעלט אַװעק דאָס טײערע געפלאָכטענע קוישעלע מיט בלומען אױפן שװאַרצן, פאַררױכערטן אױװעלע, װאָס װערט גלײך פאַרביטן אױף אַ שײנע מאַרמאָרנע זײַל.

און די קינדער שטײען און קוקן מיט צושטראַלטע, פאַר׳חדוש׳טע אױגעלעך אױף די מאַרמאָרנע זײַל און אױף די פרישע, צאַפּלענדיגע בלומען.

—װי שײן!.. װי שײן!..—רעדט אַרױס שטיל און אונהײמיש מרימל.

— אמת, קינדערלעך, זײ זענען שײן?—שמײכלט ליב די בלומען-פרױ און גלעט זײ אַזױ צערטליך איבער די פּנים׳לעך.

—שײן! שײן!—שאָקלען אַלע דרײ מיט די קעפּעלעך און לאָזן נישט אַראָפּ די אײגעלעך פון

דעם קוישעלע מיט בלומען.

—איר ווילט אפשר נאָך בלומען?—פרעגט זיי די בלומען-פרוי.

—יאָ, ליבע פרוי, גיב אונז נאָך... נאָך...— ענטפערן די קינדער מיט בעטנדיגע אָבער שוין קלינגענדיגע קולעכלעך, דערפילנדיג זיך מיט איר היימישער.

די גוטע שיינע פרוי טוט אַ צולאָז ברייט דאָס בלומען-קלייד און אַ פּאָכע איבער דער מאַר-מאָרנער זייל, עפנט זי זיך ווי אַ טירל און ס'שפּרינגען אַרויס פון איר צוועלף בלאַנקנדיגע זיילן און צושטעלן זיך, ווי לעבעדיגע, אין דריי שורות איבערן שטיבל. דאַן טוט זי אַ פּאָכע אי-בערן קוישעלע בלומען, וואָס איז געבליבן שטיין אויף דער ערשטער זייל, ווערן דערפון צוועלף, צו איינס אויף יעדע זייל.

—כאַ-כאַ-כאַ? — וויפיל בלומען!.. וויפיל בלו-
מען!.. — קוועלן די אָרימע קינדער און לויפן-
צו, דאָ צו דעם און דאָ צו יענעם קוישעלע מיט
פרישע, צאַפּלענדיגע בלומען און די אייגעלעך זיי-
ערע שטראַלן פון גליק.

— איר ווילט אפשר נאָך עפּעס קינדער-
לעך?—פרעגט זיי מיט אַ מילד שמייכעלע די בלו-
מען-פרוי, און זי נעמט זיי צרום און טוליעט זיי
צו זיך, און די קינדער דערפילן פון איר אַזעלכע
זיסע בלומען-ריחות.

—אַ גאָרטן... אַ גאָרטן...—כאַפּט זיך אַרויס ביי
אַלע דריי איין פאַרלאַנג.

— גוט, ליבע קינדערלעך—גלעט זיי די בלו-
מען-פרוי צערטליך איבער די קעפּלעך—באַלד וועט
איר דאָ אַ שיינעם גאָרטן האָבן.

און זי טוט אַ פאָכע מיטן בלומען-קלייד

אין דער לופט, ווערט אין איין רגע פון דעם ענגן קעלער־שטיבל אַ גרויסער הערלוך־שיינער גאָרטן מיט אַ שפּיגלדיג זילבערן וואַסערל אין מיטן. ווי־פיל בוימער דאָ זענען דאָ מיט אַלערליי בלעטער, רויטע, גרינע, גאָלדענע און נאָך און נאָך קאָלירן, און אַזעלכע שיינע אַלעען מיט טייערע שטיינדע־לעך אויסגעפלאַסטערט, און אַרום אויף דר׳ערד וואַקסן די שענסטע בלומען אין דער וועלט אין קיילעכיגע בייטן, אַזוי ווי די בלומען וואָלטן זיך אין אַ ראָד געשפּילט, און זיי באָדן זיך אין די גאָלדענע שטראַלן פון דער זון. דער גאַנצער גאָרטן איז פערפלייצט מיט בלומען פון אַלערליי פאַרבן, און זיי וויגן זיך פריילין אויף די גרי־נע שטענגעלעך. אָט בויגן זיי אַראָפּ און אָט שטעקן זיי אַ פער די קעפּעלעך, ווי שפּילנדיג זיך אין באַהעלטעניש... און איבער זיי פלאַטערן אַרום

ליכטיגע ווייסע זומער-פייגעלעך, און גאָלדענע בינע-לעך זשומען, און פון די צווייגן פון די בוימער הערט זיך אַ זיס געזאַנג פון אַלערליי שפּיל-פייגע-לעך.

און זיי, די קינדערלעך, לויפן אום אַלע דריי איבערן גאָרטן אין שיינע זומער-קליידעלעך און לייכטע פּאַנטאָפעלעך, די אויגלעך שטראַלן, די בעקעלעך—פלאַמען און די בלומען לאַכן זיי אַ קייגן.

— כאַ-כאַ-כאַ! — קלינגט איבערן פרייען גאָרטן דאָס צופרידענע, פריילעכע געלעכטער פון די בלומען — זיי זענען געקומען, די צוויי שוועס-טערלעך מיטן ברודערל, וואָס האָבן אַזוי געבענקט נאָך אונז... כאַ, כאַ, כאַ! קומט נענטער, קינדער-לעך, זיך שפּילן צוזאַמען... כאַ-כאַ-כאַ!

און די קינדערלעך לויפן אום ווי פאַר-

שכור׳ט פון איין בייט צו דער אַנדערע און לאַכן־מיט מיט די בלומען, און קושן זייערע צאַרטע בלעטעלעך. און די שיינע בלומען־פרוי שטייט אין אַ זייט און קוועלט און רופט, דאָ צו די בלומען און דאָ צו די קינדערלעך:

—אָט אַזוי... אָט אַזוי... שפילט זיך צוזאַמען, נשמות׳לעך ריינע!..

און פלוצלינג נעמט זי זינגען מיט אַ זיס קול:

אינם שיינעם גערטעלע,
אינם בלומען־לאַנד,
שפילן זיך דריי קינדערלעך
מיט בלימעלעך ביינאַנד,
מיט בלימעלעך ביינאַנד.

קינדערלעך און בלימעלעך,
בליענדיגע, שיינע,
קינדערלעך און בלימעלעך,
נשמות׳לעך ריינע.

ליכטיגע נשמות׳לעך—
פון איין אָרט זיי שטאַמען,
קינדערלעך און בלימעלעך
שפּילן זיך צוזאַמען.

און די בלומען-פרוי שליסט אַ ראָד מיט די קינדערלעך און זיי טאַנצן אַרום די בלומען-בייטן און זינגען צוזאַמען דאָס ליד. און אַלע בלומען וויגן לוסטיג מיט די קעפּעלעך און טאַנצן אונטער, און די גאָלדענע בינעלעך זשומען צו, און די זומער-פייגעלעך פלאַטערן, און די שפּיל-פייגעלעך פון די בוימער אַראָפּ זינגען-מיט דאָס ליד, און

דאָס געזאַנג פאַרפילט דעם גאַנצן גאָרטן:

אינם שיינעם גערטעלע,
אינם בלומען-לאַנד,
שפּילן זיך דריי קינדערלעך
מיט בלימעלעך ביינאַנד,
מיט בלימעלעך ביינאַנד.

קינדערלעך און בלימעלעך,
בליענדיגע שיינע,
קינדערלעך און בלימעלעך,
נשמות׳לעך ריינע,

ליכטיגע נשמות׳לעך,
פון איין אָרט זיי שטאַמען,
קינדערלעך און בלימעלעך
שפּילן זיך צוזאַמען.

אַז די מוטער פון די קינדער איז אַ היימ־געקומען פון גאַס, בייז און דורכגעקעלטערט, האָט זי געטראָפן ליגן די קינדער שלאָפנדיגע אויף דער פאָדלאָגע אַרום דעם קאַלטן אויוועלע, צוגעטו־לעט איינס צום אַנדערן.

—אָרימע שוועלבעלעך מיינע!—האָט די מו־טער געריעדט מיט טרערן — נעבען איינגעשלאָפן פאַר הונגער און קעלט.

זי האָט נישט געוואוסט די געטרייע מאַמע, וואָס פאַר אַ שיין, זיס בילד אירע אָרימע קינדער־לעך האָבן געזען אין חלום, און ווען זיי האָבן דאָ אין קעלער־שטיבל געהאַט צו גאַסט...

פֿאַרלאַג „יונגע הערצעלעך.“

דער אורח

פֿון יעקב רייזפֿעדער.

נומר 5

וואַרשע 1920

זעצעריי ש. רעדליך, וואַרשא נאַוואָליפּיע 69

א.

אמאָל איז געווען אַ קרעטשמער מיטן נאָמען פּייווקע. האָט ער געהאַט זייער אַ פאַר־גרעבטן מח, וואָס האָט קיין שום זאַך נישט פאַר־נומען, נישט קיין יודיש, נישט קיין גוי׳איש, נישט קיין רעכנען, צומאָל דאַוונען נישט געקענט. ער האָט אויך אויסגעזען ווי אַ פויער — אַ הויכער, אַן אומגעלימפּערטער. נאָר אַ גוטהאַרציגער איז ער געווען און זייער ליב געהאַט אויפצונעמען אורחים. אָן אורחים ביים טיש, איז אים דאָס עסן נישט באַקומען. האָבן זיך אין זיין שטוב שטענדיג געפו־

נען פאַרשטויבטע דאָרף-גייער, יודן אַזעלכע וואָס גייען איבער די דערפער מיט פאַרשידענע שפּיל-צייג פאַר קינדער און אַנדערע קליינינקייטן, אָרי-מעלייט, וואָס שלעפּן זיך אום מיט די בעטל-טאָר-בעס פון אָרט צו אָרט, און אַזוי בּכּבוד'ע מענטשן, וואָס זענען פאַר דער קרעטשמע אַ דורכגעפאָרן. עס זענען פאַר זיי צוויי גרויסע שטיבן געשטאַנען ליי-דיג מיט קלאָרע, ווייסע געלעגערס. עסן האָבן זיי באַקומען דאָרט — פון שענסטן און בעסטן, און די אָרימעלייט — אַ שיינע נדבה נאָך אין קעשענע אַריין. און נאָכווינשן פלעגט ער יעדן:

— קומט בשלום אַהיים! און טאָמער קומט איר אַמאָל ווידער אין דער געגנד, פאַרגעסט נישט אָפּצוטרעטן ביי פּייוקען.

אין מיטן גרעסטן טומל אין קרעטשמע, אַז פּייוקע דערזעט דורכן פענסטער, ווי אויפן וועג

שלעפט זיך עפּעס אַ יוד, מיד און פאַרשטויבט, איז ער שוין אין דרויסן און פאַרבעט אים צו זיך. און כאָטש ער האָט געהאַט אַ סך יונגען אין קרעטשמע, פלעגט ער אַלץ אַליין טון פאַר די אורחים.

— אַלע אַרבעט — פלעגט ער זאָגן — קאָן מען אָנטרויען משרתים, דאָס אָבער איז אַ מצוה, דאָס דאַרף מען אַליין טון.

געהאַט האָט פּייוּוקע נישט מער, ווי איין טעכטערל, אַ בת יחידה'לע, עטל האָט זי געהייסן. איז זי געווען אינגאַנצן אין טאַטן געראָטן. אויך אַזאַ שווערן קאָפּ, ווי ער און — נאָר אורחים! שיין געווען, ווי גאָלד. שוואַרצע, ליכטיגע אויגן, זיי-דענע האָר. אַן אַנדערע וואָלט גרויס געווען ביי זיך. זי אָבער געפינט זיך שטענדיג אין קיך, העלפט קאָכן און וואַשן פאַר די אָרימעלייט וועגן.

פאַרנעמען פאַרנעמט זי קיין אות נישט, וואָס מ'לערנט מיט איר. און דאַרף מען נאָר הערן טריט פאַר דער טיר, שפּרינגט זי אויף:

—אוי, דאַכט זיך, אַן אָרימאַן!

און זי איז שוין אין דרויסן. נאָר פייוקע איז דערפון זייער צופרידן געווען. אַ דאגה, קען זי נישט לערנען. דער טאַטע קען אויך נישט... און זיין בעסט פאַרגעניגן איז צוזעען, ווי עטל פּאָרעט זיך אַרום די אורחים און באַדינט זיי. קיין פּרנסה האָט נישט געפעלט. די קרעטשמע האָט אויף אַלץ געגעבן.

פרייטאָג פלעגט זיין מער אַרבעט, ווייל פון אַרום צוועלף אינדערפרי פלעגט שוין פייוקע קיין איין יוד נישט אַ דורכלאָזן. אַלע האָבן געמוזט ביי אים האַלטן שבת.

און אַז עס איז געקומען פרייטאָג פאַרנאַכט

פלעגט מען אינם גרעסטן צימער זייער אַ סך ליכט אָנצינדן, די טישן איבערדעקן מיט טישטיכער, ווייס אַזוי ווי שניי, צעשטעלן פלעשער ויין און כוסות, טייער שבת׳דיג געפעס, און די אורחים זיצן אַרום די געדעקטע טישן, עסן און זינגען זמירות. ס׳געזאַנג רייסט זיך אַרויס דורך די אָפע-נע פענסטער אויפן פרייען וועג, אין דער שבת׳-דיגער נאַכט אַריין. און פייוּקע פילט זיך אַזוי גוט! ער ברומט שטילערהייד אונטער דעם ניגון, די אויגן שטראַלן אים, ס׳האַרץ — וואַקסט...

און עטל און זיין ווייב חנה קאָנען שוין מער נישט איבערטראָגן אַזויפיל תענוג, בויגן זיי אָן די קעפ און וויינען שטיל פאַר פרייד...

ב.

טרעפט, אַז עטל ווערט פּלוצלינג קראַנק

מ׳ווייסט נישט, וואָס עס איז מיט איר געשען,

ערשט נעכטן געזונט און פריש געוועזן און היינט

ליגט זי, ווי אַ שטיין אין בעט און ברענט פאַר היץ.

פאַרשטייט, זיך, אַז דער פאָטער רוט נישט אײן אויג אין קאָפּ! מער ווי דאָס ליבע טעכטערל פאַרמאָגט ער נישט. ברענגט ער די גרעסטע דאָק-טוירים פון שטאָדט, צעטיילט אַ סך צדקה צווישן די אָרימעלייט אין שטאָדט, הייסט בעטן פאַר איר אין די שוהלן, נאָר קיין בעסערונג זעט מען נישט.

קאָן פייוועק נישט צוזעען, ווי זיין איינציג

קינד מאַטערט זיך, לאָזט ער איבער זיין ווייב חנה'ן וויינען ביי איר בעט און אַליין בלאָנדזשעט ער אַרום, אַ צוטומעלטער, פון איין צימער אינם אַנדערן. אין די קרעטשמע שמעקט ער נישט אַריין. אַזוי גאַנצע טעג. טיילמאָל נאָר דערמאָנט ער זיך אָן עפּעס, בליצן אים אויף די אויגן, לויפט ער אַרויס פאַר דער שוועל פון הויז, קוקט אויף אַלע זייטן, נאָר קיינער זעט זיך נישט אויפן גאַנצן וועג.

גייט ער צוריק אַריין אין שטוב, בלאָנדזשעט ווייטער לאַנג אַרום פון איין שטוב אין דער אַנ-דערער, ביז ער דערמאָנט זיך ווידער אָן דאָס זעל-בע, לויפט ער ווידער אַרויס פאַר דער שוועל—נאָר קיינער זעט זיך נישט.

וואונדערט ער זיך:

—דער וועג איז אַלעמאָל אַזוי באַלעבט. עס

רוט קיין מינוט נישט. וואָס איז דאָס היינט?

גייט ער שוין נישט צוריק אַריין אין שטוב, נאָר לויפט אַראָפּ ווייטער אויפן מיטן וועג: אפשר וועט ער פאָרט געפינען כאָטש איין אורח!

זוכט ער אַ צושראָקענער אויף אַלע זייטן, ביז ער דערזעט אַרויסגעהן פון הינטערן וועלדל אַ בעקאַנטן דאָרף-גייער. כאַפּט ער אים אַרום, און פירט אים מיט פרייד אין שטוב אַריין.

יענער זעצט זיך אַוועק אָפּרוען, און פייוועקע איז שוין אין קיך. זוכט עסן פאַרן אורח, נאָר ער געפינט אָבער גאָרנישט. ווייל די דינסטן, צערו-דערט צוליב עטלען, האָבן היינט אַפילו קיין פייער נישט געמאַכט. טראַכט ער קיין איין מינוט נישט, פאַרקאַטשעט די אַרבל, צעהאַקט אַליין אַ שייט האָלץ, לייגט-אָן אַ פייער אין קיך און קאָכט עפּעס אָפּ אויף גיך און, איידער דער אָרימער

דאָרף-גייער רוט אַביסל אויס, דערלאַנגט ער עס אים פאַרטיגערהייט. דער אורח נעמט עסן מיט גרויס אַפּעטיט און ער לויפט דערווייל ווייטער אַרויס פאַר דער שוועל, אפשר וועט ער נאָך אַן אורח דערזעען.

זעט ער, ס'איז אומזיסט דאָס שטיין — אַ טויטער וועג היינט! עפּעס ווי אַלע וואָלטן געוויכט פון דעם אָרט...

און אויפן צווייטן טאָג לויפט ער ווידער איבערן וועג, קוקט אויף אַלע זייטן, נאָר עס זעט זיך נישט קיין לעבעדיגער מענטש. קיין זומפן פעלן נישט, שטיינער און בערגלעך אויף שריט און טריט, פאַרקריכט ער נישט איינמאָל אין אַ בלאָטע ביז איבערן גאַרטל פאַר פאַרטראַכטקייט. פאַלט און צעשלאָגט זיך די קני, לויפט אָבער ווייטער און זוכט, און זוכט, ביז ער געפינט וועמען.

שטייט פּייוּוקע און באַדינט דעם אורח, רעדט דאַבּיי מיט אים, פרעגט אים אויס וועגן פאַר־שידענע זאַכן, יענעם זאָל נישט אומעטיג זיין, און פון דאָרט, פון דריטן חדר, דערהערט ער פּלוצים, ווי ס'ווייב יאָמערט אויפן קול. פאַרשטייט ער, אַז ס'מוז שוין האַלטן מיט זיין עטלען זייער שלעכט.

באַדעקט אים אַ קאַלטער שווייס, ברעכן זיך אים די פיס שיער נישט אונטער. ווייל ער אַריינ־לויפן אַהין, גאָר לויפט פאָרט נישט. ער שטייט, ווי צוגעשמידט, נעבן אורח. איינעם האָט ער, אים אויך נישט אויפנעמען, ווי ס'דאַרף זיין?

ברעכט זיך אין אים דאָס האַרץ פאַר יסורים, און די ליפן זיינע הערן נישט אויף צו שמייכלען צום אורח, און דאָס מויל—רוהיג און ליבליך מיט אים צושמועסן. ביז יענער געזעגנט זיך און גייט

אַוועק. לויפט פּייוקע אָן אָטעם אין יענעם חדר אַריין. זעט ער: זיין ווייב זיצט נעבן עטל'ס בעט און דרעמעלט, און עטל אַליין איז אויך, דאַכט זיך, רוהיגער. פאַרשטייט ער, אַז עס האָט זיך אים נאָר אויסגעדאַכט, אַז מ'וויינט דאָרט אַזוי, טוט אים שוין הנאה, וואָס ער האָט נישט געקוקט דאַרויף...

נאָר צומאָרגנס, פרייטאָג איז עס געווען, האָט עס מיט עטלען אויף אַן אמת זייער שלעכט געהאַלטן.

איז געזעסן חנה נעבן עטל'ס בעט און שרעקליך געיאָמערט און פּייזקע, געבראָכן אין דרייען, לויפט-אום איבער די חדרים, די אויגן שטאַרן פון קאָפּ אַרויס, די הענט—פאַרבראָכן, און קרעכצט, אַז עס רייסט דאָס האַרץ אויס.

אויף אַ מינוט לויפט ער אַריין אינעם חדר, וואו עטל ליגט. בלייבט ער אויף דער שוועל

שטיין, ווי פאַרגליווערט. ביז חנה לויפט-צו צו אים פאַלט אים אויף דער שטאַרקער ברוסט מיט אַ יאָ-מערליך געשריי:

—פייווקע!.. זע נאָר!.. אונזער קינד!.. פייווקע!—

טוט זיך פייווקע אַ טרייסל, כאַפּט זיך פאַרן קאָפּ און לויפט אַרויס, ווי משוגע, און לויפט שוין ווייטער אַרום איבער די חדרים, ברעכט די הענט און קרעכצט, אַז עס רייסט שטיקער האַרץ אויס.

און די שעה'ן דערוויל לויפן. שוין 4—5 אַ זייגער נאָכמיטאָג, און דאָ איז פרייטאָג, קיין גאַנ-צע שעה שוין נישט צו ליכט-צינדן, און אויף שבת איז נאָך די מינדסטע זאַך נישט אָנגעגרייט. דערמאָנט ער זיך דערין, לויפט ער אַריין צו די דינסטן און בעט:

—געשווינט גרייט עפּעס צו אויף שבת, פאַר-שטערן דעם שבת טאָר מען נישט!

דערביי אָבער דערמאָנט ער זיך, אַז ער האָט נאָך קיין אורח נישט. טוט ער אַ ציטער, לויפט גיך אַרויס אין דרויסן, שעפּטשעט מיט ציטערניש: זוער ווייסט, צי איך וועל שוין וועמען קריגן! און ער עסט-זיך-איין מיט די אויגן אין דער ווייטקייט, קוקט אויף אַלע זייטן—נאָר נישטאָ!

לויפט ער אַראָפּ אויפן וועג, נעמט זיך לינקס און באַלד רעכטס. לויפט און קוקט מיט אויסגעשפּיצטע בליקן, און דערלויפט אַזוי פון איין זייט ביזן טיפן, גרויסן גראָבן, פון דער אַנדערער—צום געדיכטן סאָסנאָוון וואַלד, און—מ'זעט קיינעמנישט.

כאַפּט אים אָן אַן אימה, שטעלן זיך אים אַזש די האָר קאַפּויר און ס'בלוט אין די אָדערן גליווערט.

און די מינוטן לויפן. שוין אינגאַנצן אַ האַלבע שעה געבליבן צו ליכט-צינדן. שוין פלאַמט די

העליש-רויטע זון, ווי עפּעס אַ ריזיג פאַרבלוטיגט אויג פון איבער יענער זייט וואַלד אַ פּער, און איבערן וועג צעלייגן זיך מיד ווייכֿע, קילע שאָטנס׳ טוט זיך פייוועקע אַ כאַפּ-אויף, ווי אַ לייב, געדענקט שוין גאָרנישט אָן זיין טאָכֿטער, אַלע געדאַנקען פאַרפלויגן, געבליבן איז נאָר איין געדאַנק: וואו נעמט מען אַן אורח?!..

ברענט אים דער געדאַנק, יאָגט און טרייבט אים, און די פיס, לייכֿט ווי אַן אָדלער, אַראָפּ אין טאָל און אַרויף אויפן באַרג, און צוריק צו דער שטוב, און ווייטער אַוועק ביז צום וואַלד. זיינע אויגן זעצן שיער נישט אַרויס פונם שאַרפן קוקן אַהער און אַהין, און—מ׳זעט קיין ילוד-אשה נישט אויפן גאַנצן וועג.

פאַלט שוין פייוועקע אַנידער אָן כח אויף אַ בערגל, נישט ווייט פון שטוב, אַ פאַרסאָפּעטער און

פאַר׳יתום׳טער, הויבט-אויף די הענט צום הימל און וויינט:

—רבונו-של-עולם, פאַרשטער מיר דעם שבת נישט!

און ווי ער זאָגט אַרויס די ווערטער, דער-הערט זיך פון וואַלד אַ קנאַלן פון אַ בייטש און אַ סקריפּן פון רעדער, און איידער ער שפּרינגט-אויף פון אָרט צו זעען, ווער עס פאָרט, שטעלט זיך שוין אָפּ פאַר זיין שטוב אַ וועגעלע מיט אַ שטאַרק פאַרסאָפּעט פערד, און אַ גרייז-גרויער יוד מיט אַ שיינער ווייסער צעפלויגענער באָרד און פאות, אין אַן אַטלעסענער זשופּיצע און אַ סאַמעטענעם ספּאָ-דיק שפּרינגט איילנדיג אַראָפּ פונם וועגעלע, כאַפּט דאָס רענצל מיטן שטעקן און לויפט גלייך אַ קייגן פייוועקן אַ פאַרסאָפּעטער:

— ר׳ יוד, ר׳ יוד! אפשר וואָלט איך ביי אייך געקאָנט האַלטן שבת?!...

ג.

צו פייוקעס שמחה איז קיין שיעור נישט געווען: אונטערגעקומען אַן אורח און נאָך אַ „רבי״ דערצו! טרעט ער דעם גאַנצן שבת נישט אָפּ פונם אַלטן, האַלט אים אין איין באַדינען און מכבד זיין, און ווייגט שיער נישט פאַר פרייד. נאָר דער אַלטער גלעט אים ליבליך איבער די ברייטע פּליי-צעס.

—פייוקע... פייוקע...

מער קיין וואָרט נישט.

און אַז עס איז געקומען צו זמירות, הערט פייוקע, ווי דער אַלטער זינגט מיט אַזאַ ליב קול און אַזאַ שמחה, אַז עס צעגיסט זיך אים אַ זיסע פרייד און אַ וואַרעמקייט איבער אַלע גלידער. בליצן אים אויף די אויגן, פאַרגעסט ער זיך, אַז אין דריטן חדר ליגט זיין טאָכטער אַ האַלב-גוסס׳דיגע, און

זינגט-מיט מיטן אַלטן אויף זיין גראָב, גרילצנדיג קול. תחילת. געוועגליך, נאָר וואָס אַמאָל אַלץ העכער, שטאַרקער, ס'פּנים פלאַמט, די אויגן שיטן פונקען. פון דאָרט, פון חדר, וואו עטל ליגט, דערטראָגט זיך אַ בייז מורמלען, קרעכצן און אַ געוויין, נאָר ער הערט אַפילו נישט. און אַז עס איז געקומען צו מלוה-מלכה און דער אַלטער האָט מיט זיין זיס קול גענומען זינגען: „דוד מלך ישראל חי וקים!" און אונטערטאַנצן מיט אַזאַ פריייד אין זיינע לאַטשן און ווייסע זאָקן, — איז פייוועקע אַזוי צוקאָכט געוואָרן, אַז ער האָט אַ פערקאַטשע געטון די פּאָלעס, אַ שפּרינג געטון אין מיטן שטוב אַריין אַריין און אַ לאָז זיך געטון אין אַ פייערדיגן טאַנץ.

און... אויסגעפירט האָט פייוועקע!

צומאָרגנס אינדערפרי, אָפּגעדאַווּנט, עפּעס איבערגעביסן, זאָגט דער אַלטער צו פייוועקן, אַז ער מוז זיך שוין נעמען אין וועג אַריין. איז פייווקע גיך געלאָפן אין שטאַל אַריין, געשפּאַנט פערד און וואָגן, און דער אַלטער זיצט שוין דע-רין מיטן רענצל און גרויסן גראָבן שטעקן אין דער האַנט, און פייוועקע געזעגנט זיך מיט אים. שטייט פייוועקע אַזוי און ווינשט דעם אַלטן אַל-דאָס גוטס. דערהערט ער אין מיטן דרינען אַ גע-וויין פון שטוב. דערמאָנט ער זיך ערשט, אַז זיין בת-יחידה איז אַזוי שרעקליך קראַנק. פאַלט אים איין, ער זאָל בעטן דעם אַלטן, ער זאָל אַריינגיין געזעגענען זיך מיט איר און בענטשן זי.

זאָגט ער צום אַלטן פשוט, אָהן קונצן, אויף זיין שטייגער:

—רבי.. כ׳האָב נאָר פאַרגעסן, כ׳האָב אַ טאָכ-

טער, אַ בת יחידה, קומט אַריין, ווען איר זי בענטשן.

און אַז זי איז קראַנק — דאָס פאַרגעסט ער גאָר צו זאָגן...

טוט זיך אַ בייזער דער אַלטער.

—איך זאָל צו איר אַריינגיין, אויף מיינע שוואַכע פיס? און זי דאָ אַרויסקומען צום וועגע־לע קאָן נישט?! זאָל זי אַהער אַרויסקומען!

און ווי דער אַלטער שרייט־אויס די לעצטע ווערטער, דערהערן זיך פּאַמעליכע טריט פון שטוב און אַז פּייוועקע טוט אַהין אַ קוק, שפּרינגט ער אָפּ פון אָרט דערשראָקן: זיין בת־יחידה, עטל, קומט אַרויס אין שטעק־לאַטשן, פאַרהילט אין אַ פאַטשיי־לע, אַביסלע בלאַס אָבער געזונט און דערפרישט, הינ־טער איר, בלאַסע און דערשראָקענע—זיין ווייב חנה און די דינסטן, און עטל גייט גלייך צו צום אַלטן, לאָזט אַראָפּ אַ פאַרשעמטע די שיינע אויגן,

דער אַלטער בענשט זי מיט זיינע ווייסע הייליגע הענט, און שרייט אויס מיט שמחה:

—פייוקע, נאָר אין זכות פון דיין גוט האַרץ איז דיין טאָכטער געבליבן לעבן. געדענק־זשע, שפייז ווייטער אָרימע אַזוי ווי ביז איצט, און לאָז דיך פון וועג נישט אַראָפּפירן.

ביי די ווערטער האָט ער אַ שמייך געטאָן דאָס פערדל, און איידער פייוקע און די איבעריגע זענען צו־זיך געקומען, איז דער אַלטער פאַרשוואונדן...

BUENOS AIRES